# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק אדמו״ר מוויען שליט״א

### בענינים העומדים על הפרק

**הכנעה לתלמידי חכמים • גודל החורבן האינטערנעט וגדרים בזה • ההשתמשות בכלי הטעכנעלאגיע**
**חיזוק בתורה, תפלה, חינוך הבנים, שבתות קודש • חיזוק גדרי צניעות • הישיבות למצויינים שנתרבו בזמנינו**

## מתוך דרשת ז׳ אדר תשע״ד לפ״ק

### גודל הנסיונות בזמנינו

**מיר** לעבן היינט אין א דור מיט געוואלדיגע נסיונות. נסיונות וואס איז נישט געווען קיינמאל אויף די וועלט. די גרינגקייט צוצוקומען היינט צו אלע תועבות שבעולם, וואס אמאל האט מען דאס נישט געהאט, מ׳האט נישט געקענט ווערן אזוי גרינג א עובר עבירה ווי היינט. אמאליגע צייטן, מ׳האט געלעבט אין קליינע דערפלעך אין יוראפ, קליינע שטעטלעך, איז זייער שווער געווען פאר א איד וואס האט געהאט בארד און פיאות און געגאנגען מיט א אידישען לבוש צו קענען פארברענגען צוזאמען מיט גויים אינאיינעם. די שנאה איז געווען אפן אקעגן א איד, מ׳האט נישט געוואלט האבן מיט אים קיין שייכות, מ׳האט ממאס געווען א איד, און דער גוי האט זיך אפגעשאקלט פונעם איד, ער האט נישט געוואלט זיין צוזאמען מיט אים. בפרט ווען ער קומט אריין מיט בארד און פיאות מיט זיין לאנגע רעקל, מיט זיין בעקיטשע, וואלט ער נישט געקענט פארברענגען מיט אים. און אויב א יחיד האט יא געהאט א שייכות מיט א גוי, ס׳איז געווען קליינע שטעטלעך, אלעס איז באלד נתפרסם געווארן, מ׳האט געוויסט פון איין טאג אויפן אנדערן טאג אז דער האט נישט קיין גוטע חברותא, ער חבר׳ט זיך צוזאמען מיט דעם וואס מ׳דארף נישט.

**ווען** ער האט געוואלט נאכלאזן פון אידישקייט, ער האט זיך געוואלט חבר׳ן מיט א גוי, האט ער געדארפט די ערשטע זאך, זיך אראפנעמען זיין בארד און פיאות, טוישן זיין לבוש, און דעמאלטס האט ער געקענט אנגיין זיך צודרייען צווישן גויים. - און דאס האט מען נישט געוואלט טוען, אפילו א קל שבישראל האט דאס נישט געוואלט טוען, ער האט נישט געוואלט אראפווארפן פון זיך זיין חיצוניות פון אידישקייט, איז ממילא נישט געווען אזא גרויסער נסיון, ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט צו קענען זיין און פארברענגען צוזאמען מיט די אומות העולם.

**היינט** איז נישט אזוי. היינט קען מען בלייבן מיט די בארד און פיאות, און מ׳קען בלייבן מיטן זעלבן אידישן לבוש, מיט א חסידישען לבוש, און מ׳קען אנקומען איבעראל צו די וועלט. די שנאה היינט צו אידן איז עכ״פ עפענטליך אסור, מ׳קען נישט ארויסווייזן קיין שנאה, מ׳זוכט עס צו באהאלטן. מ׳קען היינט זייער גרינג ארומפארן פון איין פלאץ אויף אן אנדערן פלאץ, און אנקומען אויף א מקום שאין מכירים ווי מ׳קען אים נישט, און צוקומען צו אלע תועבות שבעולם!, אזא נסיון איז קיינמאל נישט געווען ביי אידן. אז א איד זאל קענען מיטן חסידישן לבוש אנקומען איבעראל, זיך דרייען צווישן גוים און צווישן נידריגע גוים, דאס איז קיינמאל נישט געווען.

**דער** יצר הרע איז אבער פון דעם אויך נאך נישט צופרידן. טעכנעלאגיע האט דאס אים אריינגעברענגט אין שטוב אריין. מיט איין דרוק אויף א קנעפל קען ער אנקומען ווי ער וויל, און אריינברענגען די ערגסטע תועבות שבעולם ביי זיך אינדערהיים. עין רואה והלב חומד, מ׳איז דאך נאר א בשר ודם, מ׳זעהט וואס מ׳דארף נישט, די נסיונות היינט צו בלייבן א ערליכער איד נאמן לה׳ ולתורתו, זענען זייער שווער. כל שכן די וואס לצורך פרנסתם דארפן זיך דרייען א גאנצן טאג צווישן גוים, און מ׳דרייט זיך מיט אזעלכע נידריגע גוים וואס איז היינט דא, ערליכע יונגעלייט, די רתיחות הנוער איז דאך נאך דא וויבאלד מ׳איז יונג, מה יעשה הבן שלא יחטא, די נסיון איז גרויס אז מען זאל נישט אדורכפאלן.

### לקבל על עצמו רב ומורה דרך

**מיר** דארפן אבער זוכן עצות און גדרים וסייגים וויאזוי מיר זאלן קענען זיך האלטן פעסט אין קדושה. און אויף דעם איז דא אן עיקר גדול, איך זאג עס נאכאמאל איבער, ס׳איז א עיקר גדול!, מ׳קען זיך דאס איבערצייגן און זעהן ווי שטארק וויכטיג ס׳איז. אין היינטיגע צייטן דארף יעדער איד האבן פאר זיך א רב א תלמיד חכם א עובד השם, וואס ער זאל זיין נכנע אונטער

אים, און מקבל זיין וואס ער הערט פון אים באימה וביראה. הערן שטענדיג מוסר. מיר זענען מיר נישט קיין מלאכים וואס איז די באמירה אחת, הלואי בשתי אמירות (ויק"ר כו-ה), און הלואי במאה אמירות. מ'הערט און מ'הערט נאכאמאל און נאכאמאל ביז ס'מאכט א רושם. הערן שטענדיג מוסר. זיצן שלש סעודות צו אין אנדערע זמנים אינאיינעם. הערן שטענדיג דברי תורה. באקומען שטענדיג חיזוק ועידוד אנצוגיין מיט די עבודת הקודש וואס א איד דארף צו האבן. — און מ'דארף אויף דעם מחנך זיין קינדער אויך. אז די קינדער זאלן וויסן, זיי דארפן אויך האבן איינער וואס איז זיי מדריך, זיי דארפן זיך מכניע זיין אונטער איינעם, נישט קיין חילוק ווי גרויס ער איז ווי קליין ער איז, אז ס'איז איינער וואס וועט אים אויפהייבן צו גיין אין אידישן וועג, איז ער שוין גענוג אז מ'זאל זיך קענען פאר אים מכניע זיין און מקבל זיין פון אים וואס ער איז אים מדריך.

**שלמה** המלך איז געווען זייער גרויס, ויחכם שלמה מכל אדם. שטייט אין די גמרא (ברכות ח.), לעולם ידור אדם במקום רבו, א מענטש זאל וואוינען דארטן ווי זיין רבי וואוינט, שכל זמן ששמעי בן גרא קיים, ביז ווילאנג שלמה המלך'ס רבי, שמעי בן גרא, האט געלעבט, לא נשא שלמה את בת פרעה, האט שלמה נישט חתונה געהאט מיט בת פרעה. שלמה האט חתונה געהאט מיט בת פרעה דאס האט זיכער א העכערע ענין בלי שום ספק, מ'רעדט יעצט פון א מלך וואס מלך על עליונים ועל התחתונים (מגילה יא:), ער איז געווען א מלך נישט נאר דא אויף די וועלט, נאר על העליונים איז ער אויך געווען א מלך. שרתה עליו רוה"ק, אזוי שטייט אין מדרש שיר השירים (א-ח) אויף שלמה המלך. פונדעסטוועגן דאך זאגן חז"ל ווילאנג זיין רבי איז געווען דא און ער האט געקענט הערן מוסר פון זיין רבי אויף וואס ער טוט, וואלט ער דאס נישט געטוען!, ס'וואלט גענוצט אויף אים די השפעה פון זיין רבי'ן, אז ער האט נישט געקענט טוען ווילאנג דער רבי האט געלעבט א זאך וואס ער האט געטוען שפעטער. - ווען א איד ווייסט אז ער האט איינעם צו וועם ער דארף געבן א דין וחשבון, ווער ס'קען אים פארהאלטן אויף עפעס וואס ער האט געטוען, היט ער זיך מיט וואס ער טוט.

**די** גמרא (סוטה ז.) זאגט הרבה חברותא עושה. חברותא איז דא וואס מאכט אסאך קאליע, א חבר רע און א שכן רע איז א געוואלדיגע משפיע אויפן מענטש לגריעותא. פארקערט אויך, א גוטע חברותא טוט זייער אסאך אויף. **ווען א מענטש האט א גוטע חברותא, ער איז קובע זיין פלאץ צו דאווענען אין א ביהמ"ד וואס דארט איז דא אן ערליכער איד וואס פירט אן דעם ביהמ"ד, וואס מ'האט אויף וועם ארויפצוקוקן אין דעם ביהמ"ד, אויף זיין תורה און אויף זיין עבודה און אויף זיינע מעשים טובים. און ער זיצט שטענדיג מיט א חבורה פון יונגעלייט וואס זענען יראי ה' און בני תורה, לאזט עס איבער א געוואלדיגע השפעה אויף דעם מענטש, און ער גייט ארויס נאכן דאווענען א דערהויבענער פון דעם וואס ער איז געווען פאר ער איז געקומען אין ביהמ"ד.** דאס איז משפיע אויף אים, און דאס ביהמ"ד איז משפיע אויף זיינע קינדער וואס ער נעמט זיי מיט אין ביהמ"ד, ברבות הימים, ווען ס'וועט אדורכגיין טעג, וועט ער זעהן אז ער איז א אנדערער מענטש פון וואס ער איז געווען בעפאר, ס'מאכט א געוואלדיגע רושם דאס וואס א מענטש האט איינעם אויף וועמען ער קוקט ארויף, און וועם ער פאלגט וואס ער זאגט, און ער איז נכנע אונטער אים, און ער איז מקבל זיינע ווערטער.

## הרבה ישיבה עושה

**מ'שיקט קינדער לערנען אין ישיבות, אויף אלעם קוקט מען, ס'איז אבער דא נאך א זאך וואס מ'דארף צו קוקן. מ'דארף זעהן אז ווען ער וועט אהיימקומען פון די ישיבה, ער וועט דארפן זיין א יונגערמאן וואס וועט דארפן אויפשטעלן א שטוב, זאל אים איבערבלייבן פון דעם מקום ווי ער איז געווען, א רבי וואס וועט אים ווייזן דעם וועג ווי ער זאל זיך קענען ווייטער אנהאלטן. ער זאל זיך קענען דרייען מיט א חברותא פון יונגעלייט וואס ער וועט זיך מיט זיי מתחבר זיין. ווייל אויב דאס וועט אים פעלן, איז א גרויסע שאד פאר די פלאג וואס ער האט זיך געפלאגט פאר דעם, ווייל ער וועט נישט האבן שפעטער ווער ס'זאל עס אנהאלטן ביי אים. ער וועט פארלוירן גיין, און ער וועט צוגיין ווען ער וועט ארויסקומען אין די וועלט צווישן אנדערע מענטשן, אויב ער וועט נישט האבן פאר זיך איינעם צו וועם ער וועט זיין צוגעבינדען.**

**ס'האט** מיר אמאל א יונגערמאן געזאגט, אז זיין חשוב'סטן טאג וואס ער האט געהאט אין זיין לעבן, איז געווען דער טאג וואס זיין טאטע האט אים געשיקט אין א געוויסע ישיבה, און דארט האט ער זיך מדבק געווען צו זיין רבי'ן, און ער פילט אז דאס האלט אים אן זיין חיות, זיין רוחניות'דיגן לעבן'ס שטייגער, און ער איז דאנקבאר פאר'ן רבוש"ע אויף דעם טאג וואס ער האט דעמאלטס אויסגעקליבן ווי ער זאל גיין לערנען.

## להרבות בתפלה על דורותיו אחריו

**אמאליגע** צייטן איז די עיקר תפילות וואס עלטערן האבן געבעטן אויף קינדער געווען, וואס מ'האט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל האבן הצלחה און זאל שטייגן אין תורה און אויסוואקסן א תלמיד חכם. ווייל בעטן אז דער קינד זאל זיין א שומר תורה ומצוות און א שומר שבת, האט מען כמעט נישט געדארפט בעטן, ס'איז געווען אזוי פשוט אז גאר אנדערש קען נישט זיין. זיכער וועט זיין מיין קינד א שומר שבת, זיכער וועט מען קינד זיין אפגעהיטן און האלטן תורה ומצוות, מ'האט געבעטן אויף לוקסוס, אז דאס קינד זאל אויסוואקסן מער, ער זאל אויסוואקסן א גדול בישראל, ער זאל אויסוואקסן א ת"ח.

**היינט דארף מען אסאך תפילות בעטן אויף קינדער אז זיי זאלן בלייבן פשוטע ערליכע אידן!, א שומר תורה ומצוות!, ער זאל נישט זיין קיין קל, ס'זאל נישט גרינג זיין ביי אים א עבירה. לוידער ס'איז דא ווינטן וואס בלאזן צווישן די יונגווארג און אסאך פאלן אוועק פון אידישקייט.**

**קינדער פון די שענסטע משפחות וואס ס'איז דא ביי אונז, ליידער פאלן אוועק. מ'דארף זייער אסאך בעטן ביים דאווענען, שלא ימצא פסול בזרעו. אז מ'זאל קענען אויפשטעלן ערליכע שטיבער, אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו, אז מ'זאל מגדל זיין קינדער וואס זענען צוגעבינדן צו תורה און מצוות, זיי זאלן זיין א תפארת פאר זייערע עלטערן.**

## ברכת האבות על הבנים ובפרט בליל שב"ק

**ס'איז דא שטיבער וואס מ'פירט זיך פרייטיג צונאכטס אז מ'בענטשט די קינדער. איך וואלט געמיינט אז אין היינטיגע טעג אפילו שטיבער וואס זענען נישט צוגעוואוינט מבית אבותיהם צו בענטשן די קינדער, זאלן אנהייבן צו בענטשן די קינדער. מ'דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא היינט אז קינדער זאלן קענען אויסוואקסן ערליך, זיי זאלן נתגדל ווערן לתורה וליראת שמים. א ברכה וואס א טאטע גיט פונעם ריינעם הארץ, ער ווינטשט אן פאר דעם קינד אז דער קינד זאל אויסוואקסן כאפרים וכמנשה, דער באשעפער זאל דיר געבן יברכך ה' וישמרך מן המזיקים וכו', ווי וויכטיג איז דאס היינט, עס מאכט א געוואלדיגן רושם א ברכה פון עלטערן.**

**די** תורה פארציילט אויף לבן, בשעת יעקב האט זיך געזעגענט פון אים, אין סוף פרשת ויצא (לב-א), וינשק לבניו ולבנותיו, לבן האט געגעבן א קיש פאר זיינע זין און טעכטער, ויברך אתהם, און ער האט זיי געבענטשט. שטייט אין ספורנו אויפ'ן פלאץ, מ'קען עס נאכקוקן, וואס פארציילט די תורה אז ער האט געקישט די קינדער און ער האט זיי געבענטשט, סיפר זאת הכתוב, דער פסוק פארציילט עס, להורות, צו לערנען, שברכת האב אשר היא על בניו בכל נפשו, אז א ברכה וואס א טאטע גיט פאר די קינדער און ער גיט עס בכל נפשו, בלי ספק ראוי שיחול יותר, וועט חל זיין די ברכה. די תורה האט דא פארציילט לבן הרשע לבן הארמי האט געבענטשט די קינדער, ווייל די תורה וויל אונז לערנען אז א ברכה וואס א טאטע גיט, א ברכה וואס א טאטע אפילו א לבן גיט פאר א קינד, דעסטוועגן דאך האט א כח אז די ברכה זאל חל זיין. און כל שכן ווען מ'רעדט נישט פון קיין לבן, מ'רעדט פון ערליכע עלטערן יראים ושלמים, וואס זייער גאנצער נפש גייט אויס אז זיי זאלן האבן ערליכע אידישע דורות, וואס פארא רושם לאזט איבער א ברכה וואס מ'געט פאר קינדער.

**און** אפשר אז ער וועט זיך נעמען צו בענטשן קינדער, וועט ער אנהייבן צו 'טראכטן' פון די קינדער אויבעט. אז די קינדער דארפן א ברכה. ער וועט אנהייבן צו טראכטן אז דער חינוך היינט איז נישט ווי ס'איז געווען אמאל, און מ'דארף אסאך כוחות אריינלייגן היינט אין קינדער צו קענען האלטן ערליכע אידישע דורות. דוד המלך האט מתפלל געווען אתה ה' תשמרם (תהלים יב-ח), רבוש"ע היט זיי אפ, תצרנו מן הדור זו לעולם, היט זיי אפ פון דעם דור, זאגט רש"י, הפלא ופלא, די קינדער אין דוד המלך'ס צייטן, עד שלא טעמו טעם חטא, ביז ווילאנג זיי האבן נישט טועם געווען קיין טעם חטא, זיי זענען געווען טייערע ערליכע אידישע קינדער, היו יודעים לדרוש את התורה במ"ט פנים לכל צד, זענען זיי געווען אזוי גרויס אין תורה אז זיי האבן געקענט דרש'נען במ"ט פנים יעדע זאך, מזוקק שבעתים, היה דוד מתפלל עליהם, און דוד המלך האט געבעטן, רבש"ע, דאס איז די לשון פון רש"י, ראה כמה תורתך ואמרתך ברורה ומזוקקת שבעתים בלבם, קוק וויאזוי די תורה ליגט זיי אין מויל, אתה ה' תשמרם, דו היט זיי אפ, שמור אותם בלבם, תצרנו מן הדור הזה, היט זיי אפ פון דעם דור, שלא ילמדו דרכיהם, זיי זאלן זיך נישט אויסלערנען צו גיין אין די וועגן פונעם היינטיגן דור. א איד דארף מתפלל זיין און שטענדיג בעטן און בענטשן קינדער אז מ'זאל קענען זעהן ביי זיי נחת.

**כח** התפלה איז זייער גרויס און מ'זאל נישט מזלזל זיין, יעדע דיבור קל וואס א איד איז מתפלל, יעדע תפילה וואס ער בעט פונעם אייבערשטן, זאל ער וויסן ווי מער ער בעט איז יעדע תפלה מוסיף נאך אביסל רחמים, ס'טוט נאך עפעס אוועקנעמען מדת הדין, און דער אייבערשטער איז דאך א שומע תפלת כל פה, דער סוף וועט זיין אז ס'וועט מאכן א רושם די תפלה וואס ער איז מתפלל אויף די קינדער.

## אי אפשר לצאת חובתו בתפלה ע"י אחרים

**ס'איז** דא מענטשן וואס טוען זיך פטר'ן פון תפלה, ער דארף נישט בעטן, ער האט נישט קיין געדולד צום דאווענען, אבער דאך ווייסט ער אז ס'איז דא עפעס אן ענין פון תפלה, ער וויל אז אנדערע זאלן בעטן פאר אים, ער מאכט שלוחים אנדערע זאלן דאווענען פאר אים, ער שיקט א טשעק פאר כולל חצות אז 'יענע' זאלן אויפשטיין און 'זיי' זאלן זאגן תהלים פאר זיינעט וועגן, און ער וועט זיך אויסדרייען אויף די אנדערע זייט ביי חצות, ס'אינטערסירט אים גארנישט מתפלל צו זיין אויף וואס ס'טוט זיך אין שטוב, אבער ער האט געגעבן א טשעק פאר אנדערע אז זיי זאלן זאגן תהלים. ח"ו איך מיין נישט מגרע צו זיין אין דעם כולל גארנישט, איך וויל נאר ארויסברענגען, נישט דאס איז דער עיקר. ער וועט שיקן געלט אז מ'זאל זאגן תהלים פאר אים צוואנציג מאל אין מירון, און דרייסיג מאל ביי קבר רחל, און ווי מער געלט ער וועט שיקן וועט מען מער זאגן פאר אים תהלים. איך וויל נישט אוועקנעמען דעם חשיבות פון זייער תהלים זאגען, אבער איין קאפיטל תהלים וואס ער זאגט אליין, וואס ער זאגט עס מיט א צעבראכן הארץ פאר'ן רבוש"ע, און ער בעט מעומק הלב, האט א געוואלדיגע חשיבות וואס טוט אסאך מער אויף ווי דאס וואס יענער דערמאנט אים צווישן הונדערט אנדערע נעמען. ס'וועט נאך זיין אמאל א טאג וואס מ'וועט נישט דארפן פאסטן, מ'וועט מאכן א כולל פון א פאר מענטשן וואס וועלן פאסטן, און ער וועט עסן א סעודה אינדערהיים און געבן א טשעק אז יענער זאל פאסטן פאר זיינעט וועגן. מסתמא איז נישטא קיין צען יונגעלייט וואס זענען גרייט צו פאסטן, קען מען נישט עפענען אזא כולל, אבער אז נישט, וואלט מען דאס אויך געטוען.

**א איד דארף וויסן, וואס מ'טוט דארף מען טוען אליין, בעט אליין, דו ביסט דער בעל הבית אויף דיר, וואס דו זאגסט איז**

**פונעם טיפן הארץ, און וואס דו בעטסט האט א גרעסערן כח ס'זאל נתקבל ווערן, ויפה תפלת החולה מתפלת אחרים זאגט רש"י (בראשית כא-יז), א קראנקער ווען ער בעט אויף זיך אליין איז זיין תפלה חשוב'ער ביים אייבערשטן, עס טוט מער אויף ווי דאס וואס א צווייטער זאל פאר אים מתפלל זיין, ס'ווערט פריער אנגענומען. אונזערע עלטערן האבן געזאגט תהלים, מרבה געווען ביי אמירת תהלים, מ'האט מתפלל געווען און געבעטן אויף אלע זייערע צרכים וואס מ'דארף, מ'האט נישט געמאכט שליחים אנדערע זאלן בעטן, מ'דארף אליין מתפלל זיין אויף די צרכים וואס מ'דארף האבן.**

**ס'איז** דא אסאך מאל אינגעלייט וואס וועגן די טירדות דאווענט מען אין שטוב, מ'דאווענט ווי די געשעפטן זענען, מ'קומט נישט אין ביהמ"ד דאווענען. אין תפלתו של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת, ס'איז א גמרא (ברכות ו.), דער אייבערשטער טוט נישט אַן נעמען א תפלה נאר פון ווער ס'קומט אין ביהכנ"ס, און אין תפלתו של אדם נשמעת אלא עם הציבור (שם ח.), נאר ווען מ'דאווענט תפלה בציבור. דארף מען זיך פּאַר נעמען נישט דאווענען ביחידות, ווען מ'קען דאווענען מיט א ציבור און מ'קען דאווענען אין ביהכנ"ס, מען זאל וויסן אז די מקום מיטן ציבור זענען גורם אז ס'זאל נתקבל ווערן די תפילות.

## גודל חורבן האינטערנעט

**יעדער** ווייסט אז די עיקר סיבה וואס ס'האט געברענגט אז די דורות היינט זענען אזוי געפאלן, האט אסאך צו טוען מיטן אינטערנעט. **ווער ס'האט די כלי, סיי ווי, אן א פילטער, מיינט דאס היינט אז דער איז נישט קיין ערליכער איד, דער איז שקוע בטומאה, ס'איז נישט מעגליך אז מ'זאל קענען זיין ערליך מיט א כלי וואס ס'איז נישט געפילטערט, ער האט נישט קיין בחירה, ס'איז כל באיה לא ישיבון, כמעט נישט מעגליך צו ווערן אפילו א בעל תשובה דערפון. א שטוב וואס איז דא די כלי וואס האט אין זיך כל תועבות שבעולם, די שטוב האט נישט קיין שמירה פונעם אייבערשטן, די שטוב איז נישט אפגעהיטן, ווייל אין פסוק שטייט ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך (דברים כג-טו), אין א שטוב וואס איז דא ערות דבר איז דער אייבערשטער נישט דארטן.** ס'איז נישטא קיין השראת שכינה, איש ואשה שלא זכו, ווען ס'איז א שטוב וואס איז נישט זוכה, אש אוכלתן (סוטה ב.). דארט ברענט א פייער, ס'איז נישטא דער שם יו"ד פונעם איש, ס'איז נישטא דער ה"א אין די אשה, דער אש התאוה, דער אש פונעם יצה"ר, ברענט דארטן, נורא ביה עמרם, און דאס פארברענט אים צוזאמען מיט די קינדער.

**ס'איז** נישט מעגליך ס'זאל זיין א ברכה אין די שטוב. אין פסוק שטייט בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך (שמות כ-כא), א ברכה איז נאר דא פונעם אייבערשטן אויף דעם פלאץ וואס אבוא אליך וברכתיך, ווי איך קען קומען אריין צו דיר אין שטוב, אז ס'איז ושב מאחריך, א שטוב וואס דער אייבערשטער קומט נישט אריין, דארט איז נישטא קיין ברכה. **ער קומט נאך אסאך מאל אין ביהמ"ד אינעם בית ה', אין זיין טאש האט ער אזא כלי וואס איז מלא תועבה און ער קומט בעטן צום אייבערשטן, ס'איז כמעט ווי מדבר אל עצים ואל אבנים, ער רעדט נישט צום באשעפער, דער אייבערשטער איז נישט דארטן ביי אים, דער באשעפער זאגט ושב מאחריך, איך גיי נישט אין דיינע ד' אמות, ער בעט, און דער אייבערשטער טוט זיך מתרחק זיין פון אים.**

## נשים צדקניות! עליכם מוטל האחריות
## לשמור חומת הבית בקדושה

**מיר האבן גרויסע נסיונות, מ'קען נישט אוועקגיין פונעם אמת, ס'איז א נסיון, ס'איז שווער מ'זאל זיך אליין האלטן. איך שריי דא צו די אידישע מאמעס, די ווייבער פון ענק וואס זענען אינדערהיים, די מאמעס פלאגן זיך מגדל צו זיין קינדער, פיר און צוואנציג שעה אין טאג שלאפן נישט עסן נישט, גייען ארויס ארבעטן אסאך מאל, ווייל זיי ווילן האבן ערליכע אידישע דורות. מ'פלאגט זיך מגדל צו זיין ערליכע קינדער, זיי זענען זיך מוסר נפש דערפאר, אויב די מענער האבן נישט קיין כח עומד צו זיין דעם נסיון, ליגט אויף זיי דער חיוב אז זיי זאלן בעטן רחמים פון די מענער, האב רחמנות אויף דיין שטוב!, האב רחמנות אויף אונזערע קינדער!, מיר ווילן האבן ערליכע דורות בדרך ישראל סבא, פארוואס פירסטו זיך אזוי אויף?, ווי קענסטו ארומגיין מיט א כלי וואס האט נישט קיין פילטער?, סוף כל סוף וועלן נפגע ווערן די קינדער!, א שטוב וואס האט נישט קיין שמירה, וועט זיך דאס אנקלעבן אין די קינדער ליידער!. און נישט נאר אין די קינדער נאר אין אים אליין, ס'וועט חרוב מאכן זיין שלום בית, מ'דארף נישט אריינגיין אין דעם אריכות דערפון. ס'איז נישטא קיין גרעסערע צער פאר עלטערן ווי מ'זעהט ליידער וויאזוי א קינד גייט ארויס לתרבות רעה. אז מ'האט נישט די כוחות אליין אויף דעם, איז דאך א אשה געמאכט געווארן, אעשה לו עזר כנגדו, זי זאל שטיין א הילף צו אים, אז זי זאל אים ארויסהעלפן מיט זיינע פראבלעמען וואס ער האט.**

**שטייט** אין חז"ל, אז א אשה איז א חומה, שרוי בלא אשה שרוי בלא חומה (יבמות סב.), דאס איז איר תפקיד, זי איז א וואנט, זי דארף זיין א חומה פאר'ן מאן אז ער קען נישט טוען וואס דער יצה"ר טוט אים צו רעדן, ער קען נישט גיין ווי ער וויל, און ער קען נישט טוען וואס ער וויל, זי דארף זיין די חומה אים ארומצונעמען אז ער זאל זיך פירן ערליך, און פארלאנגען, אראפלייגן די פיס אין שטוב, איך וויל אז מיין שטוב זאל זיין הייליג, נישט מפקיר זיין מיינע קינדער, און איך בעט אז די זאך זאל ארויסגיין פון דעם שטוב, ס'זאל נישט זיין אין שטוב א זאך וואס האט אויף זיך נישט קיין געהעריגע פילטער. דער מנהג איז ביי א חתונה נעמט די כלה ארום דעם חתן זיבן מאל, די שושבינות פירן די כלה ארום דעם חתן, אלעס האט דאך א רמז, מ'האט חתונה ס'איז אעשה לו עזר כנגדו, די גמרא (סוכה נב.) זאגט אז דער יצה"ר האט זיבן נעמען, און זי דארף זיין די חומה, זי דארף אים ארומנעמען זיבן מאל פון די זיבן יצר הרע'ס וואס אייביג האט ער א אנדערן נאמען, אז זי זאל אים קענען אפהיטן, דעמאלטס איז זכה נעשה לו עזר. - דאס איז אז מ'רעדט פון אינטערנעט אן א פילטער.

## אינטערנעט עם פילטער בתוך הבית, הוא מכשול גדול לילדים

**אבער אפילו מיט א פילטער, אין א אידישע שטוב איז דאס א געוואלדיגע מכשול פאר די קינדער. אז מ'דארף עס האבן פאר די געשעפטן, זאל ער עס האבן אינדרויסן, אבער אין א שטוב ווי מ'דארף מחנך זיין ערליכע קינדער, איז א אינטערנעט מיט א פילטער א געוואלדיגע מכשול פאר די קינדער!.** די עצם הדבר אז קינדער געוואוינען זיך דערצו אז מ'טוט זיך באנוצן מיט די כלי, וועט דער סוף זיין מ'וועט אנקומען נאכדעם אויף א פלאץ ווי מ'וועט זיך באנוצן דערמיט אן א פילטער. ער איז נתחנך געווארן אלס קינד, אז די כלי האט א פלאץ אין א אידישע שטוב, ס'מעג זיין אזא כלי אין א שטוב, אויף דעם וועג צו אויף יענע וועג, אבער דאס איז נישט קיין זאך וואס ס'איז אסור. א ראיה מיין טאטע האט דאס געהאט, מיין מאמע האט זיך באנוצט דערמיט. ווען א קינד ווייסט אבער אז אזא כלי געפינט זיך נישט אינדערהיים, מ'דארף עס האבן איז עס ביי די ביזנעס, אבער דאס קומט נישט אריין אין א אידישע שטוב, באקומט ער מיט דעם א מעסידזש פון זיינע עלטערן, אז די כלי בעצם איז א אבי אבות הטומאה וואס מ'דארף זיך אכט געבן, נאר לצורך פרנסה באין ברירה טוט מען זיך דערמיט באנוצן. מ'דארף רחמנות האבן אויף זיך מיט די קינדער, נישט איינגעוויינען צו א זאך וואס מ'דארף גארנישט וויסן דערפון, און זעהן אז אין שטוב זאל נישט זיין אזא כלי. אז מ'דארף האבן דאס מיט א פילטער, פאר פרנסה, דארף מען זעהן צו זוכן א פלאץ, נישט אינדערהיים. ווען א מענטש טוט וואס ס'איז בידו צו טוען, און ער טוט פאר חינוך פון זיינע קינדער וואס ער קען, האט ער סייעתא דשמיא, ובדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו.

**דא זיצט יעצט א יונגערמאן אין ביהמ"ד, וואס האט מיך גערופן מיט א פאר וואכן צוריק און ער האט מיר געזאגט: ליידער איך האב א זון וואס הייבט אן צוגליטשן. איך האב געפרעגט מיין זון וויאזוי ביסטו צוגעקומען דערצו. זאגט ער, פון דיין אינטערנעט וואס דו האסט געהאט אין שטוב [ער האט געהאט לצורך פרנסה ביי זיך א אינטערנעט אינדערהיים]. זאגט ער, דער קאמפיוטער איז דאך אפגעשפארט, דו האסט נישט געקענט צוקומען?, ענטפערט דער זון, איך האב געטראפן א וועג וויאזוי איך קען צוקומען דערצו. — זאגט מיר דער טאטע, איך האב נישט געהאט קיין געלט צו דינגען א אפיס, האב איך געהאט מיין אפיס אינדערהיים, יעצט וועל איך שוין האבן געלט צו קענען ראטעווען מיין קינד, און ס'וועט מיך קאסטן אסאך מער ווי דער אפיס וואלט געקאסט, און ווער ווייסט צו איך וועל מצליח זיין.**

**דאס איז נישט איין מעשה, יעדער ווייסט דאס איז טאג טעגליך. און איך מיין אז יעצט זיצט דא זיין ברודער וואס האט אויך אזא כלי אין שטוב, און ער ווייסט נישט וואס ס'וועט זיין מיט זיינע קינדער מיט די צייט. ס'איז ממש א חורבן!, מ'טארנישט האבן אין שטוב די כלי!, מ'דארף עס פאר פרנסה, טראג עס ארויס ערגעץ אנדערש, זוך דיר א פלאץ ווי דו קענסט עס האבן. פארוואס זאל נישט זיין דיין שטוב א הייליגע שטוב, קינדער זאלן וויסן אז דאס איז א זאך וואס מ'דארף נישט נוצן.**

## אהבה וקירוב הלבבות בין האבות לבנים

**נאכדעם איז שטארק וויכטיג היינט, אז מ'וויל האבן הצלחה מחנך צו זיין גוטע קינדער, אז קינדער זאלן נישט ווערן אוועקגיין אין דער פרעמד. מ'דארף פארשטערקערן די קשר פון אהבה צו קינדער מיט א קירוב לבבות, מיט א נאנטקייט צום הארץ.** א טאטע קומט אהיים אין שטוב אריין, דארף ער אלעס אוועקלייגן אין דער זייט. אלע זיינע געשעפטן אין זייט, זיין סעלפאן אוועקלייגן אין די זייט. יעצט איז נישטא עפעס אנדערש ביי מיר אינדערהיים נאר די ווייב מיט די קינדער!, און זיך משתעשע זיין מיט יעדן קינד עקסטער. רעדן צום קינד, אויסהערן פונעם קינד וואס ער האט צו פארציילן, צו הערן פונעם קינד וואס ס'טוט אים וויי. וואס קען איך דיר העלפן. אנקלעבן א נאנטע ליבשאפט צווישן עלטערן און קינדער. **אסאך טאטעס זאגן מיר, איך האב נישט קיין שפראך צו מיין קינד. אוודאי האסטו נישט קיין שפראך צו דיין קינד, ווען האסטו גערעדט צו דיין קינד?, וויפיל שייכות האסטו געהאט צו דיין קינד ווען דאס קינד איז געווען קליין?, וויפיל שעה'ן האסטו אוועקגעגעבן א וואך צו רעדן מיט דיין קינד?, גארנישט! נו וויאזוי זאלסטו האבן א שפראך צו אים?. דאס קינד האט זיך צוגעוויינט מיט דיר קען מען נישט רעדן, ווייל דו ביסט ביזי מיט עפעס אנדערש. דאס קינד פארלאנגט שוין נישט אפילו צו רעדן צו דיר, ווייל ער ווייסט צו מיין טאטען קען מען נישט רעדן, מיין טאטע איז פארנומען מיט עפעס אנדערש. וויאזוי זאלסטו האבן א שפראך נאכדעם צו דיין קינד?.**

**א** טאטע ווען ער קומט אהיים און ער גיט ארויס ליבשאפט פאר א קינד, דאס קינד ווערט צוגעבינדען צו אים, מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה, ס'איז נישטא קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס וועט אים אוועקשלעפן פון די שטוב, איך האב אזוי ליב מיין טאטע, אזוי ליב מיין מאמע, איך קען עס נישט טוען פאר זיי. ווען די אהבה און די קירוב לבבות איז שוואך אינעם שטוב, דעמאלטס הייבן אן די מכשולות ארויסצוקומען. אז נישט וויל א קינד נישט מצער זיין דעם טאטען, ער וועט נישט טוען א זאך וואס ס'וועט אים אויפרעגן. ס'איז בדוק ומנוסה!, קוקטס די אלע וואס זענען ליידער אוועקגעפאלען, וועט מען זעהן אז על פי רוב האט געפעלט קירוב לבבות פון די עלטערן צו די קינדער.

**און** דאס ליגט א חיוב אויף עלטערן אוועקצוגעבן צייט, פארברענגען מיט די קינדער. זיידעס דארפן פארברענגען צייט מיט די אייניקלעך. דאס קינד זאל האבן א ליבשאפט צום זיידן, האבן א שייכות צו דעם זיידן. ער וועט אמאל זיך נישט רעכענען מיט'ן טאטען מיט די מאמע, אבער פאר'ן זיידן וועט ער נישט וועלען וויי-טוען. אז ס'איז דא שייכות קינדער מיט אייניקלעך, מ'פארברענגט צייט צוזאמען מיט זיי, דאס טוט מקרב זיין לבבות, דאס ברענגט ארויס די נאנטקייט, וואס שפעטער וויל מען זיך נישט אפטיילן פון די עלטערן.

**נאכדעם, א שטוב וואס ס׳איז דא געהעריגע שלום בית, א שטוב וואס איז רוהיג, א שטוב פון שלוה, וואס דער שלום בית איז פעסט, מ׳שרייט נישט אין שטוב איינער אויפ׳ן צווייטן, אלעס איז מיט א שטילקייט מיט א רוהיגקייט, געפינט זיך דאס קינד אין א גוטן אטמאספער, און דאס קינד געפינט זיך שטענדיג אין א לופט פון רוהיגקייט אין א לופט פון שלוה, און ער האט א שמחת החיים, אזא קינד וועט נישט איבערלאזן די שטוב אזוי שנעל, ווייל ער פילט אזא נחת, ער פילט א רוהיגקייט אין די שטוב. אלע תענוגי עולם וועט אים נישט קענען באוועגן אז ער זאל איבערלאזן די נאנטקייט וואס ער האט ביי די עלטערן אינדערהיים.** ווען די לופט פון די שטוב איז אנגעצויגן, ווייל ס׳פעלט די אהבה, ס׳פעלט די נאנטקייט און די ליבשאפט צו דעם קינד, ס׳פעלט די רוהיגקייט, דעמאלטס זוכט זיך דאס קינד צו טרעפן סיפוק ערגעץ אנדערש!, וואס האב איך אהיים צוגיין?, איך האב גארנישט פארלוירן אינדערהיים, אינדערהיים שרייט מען, איך וועל גיין אויף א פלאץ ווי איך וועל זיין רוהיגער, ח״ו.

## כלי הטעכנעלאגיע גוזלין השלוה שבבית

**און** דאס אז ס׳זאל זיין רוהיגקייט אין שטוב, האט אויך די אינטערנעט א שייכות דערצו. ווען דער טאטע איז צוגעבינדען צו די כלי, מיט א פילטער רעד איך שוין, אבער ער איז פארנומען שטענדיג צו קוקן וואס איז נייעס אין דער וועלט, זיין פארבינדען מיט פארשידענע מענטשן, ווערט ער עדיקטעט דערצו!, ער ווערט צוגעקלעבט דערצו אז ער קען זיך נישט אפרייסן דערפון יעדע מינוט וואס ער האט פרייע צייט. מ׳וועט אנקוקן די מענטשן, די ערשטע זאך, כאפט ער דעם טאש און ער נעמט עס ארויס, אפשר איז דא עפעס נאך א נייעס וואס ס׳איז אריינגעקומען און ער וויל אלעס וויסן, ער ווערט צוגעבינדען דערצו אז ס׳איז אים שווער נאכדעם זיך אפצורייסן און אוועקגיין דערפון. מ׳רעדט דאך שוין נישט וואס מ׳זעהט דארטן, מ׳רעדט דאך ווען ס׳איז געפילטערט, פארמאגט עס לשה״ר, רכילות, מוציא שם רע, ניבול פה, מחלוקת, דאס איז שוין גוטע זאכן, דאס איז שוין אין די כשר׳ע חלק וואס ס׳איז דא אינעם געפילטערטע אינטערנעט. ס׳קילט אים אפ פון אידישקייט, פון עבודת השם, ס׳ברענגט אים צו ביטול תורה, דער מענטש איז שוין מער נישט אין זיין רשות, ער איז נישט קיין בעה״ב אויף זיך, ער איז געווארן אזוי צוגעבינדען צו דעם, אלס איז אים נאר דער קאפ צו קוקן וואס איז נייעס.

**מ׳קומט** אהיים איז ער נישט אינדערהיים, ער געפינט זיך נישט אין שטוב, זיין קאפ איז נישט דארטן, זיין קאפ איז אין גאר א אנדערע וועלט יעצט, זיין קאפ איז מיט וואס ער איז פארבינדען, וואס ער וועט זעהן וואס ער האט געזעהן, האט ער נישט קיין געדולד צו רעדן צו די ווייב געהעריג, און אלעס וואס מ׳רעדט איז מן השפה ולחוץ, איין ווארט געהערט און צוויי האט ער נישט געהערט, ער ענטפערט יא ניין, ניין יא, אבער זיין קאפ איז נישט דארטן. און די זעלבע מיט די קינדער, שטענדיג איז ער נאר פארנומען קוקן צו איז דא עפעס נייעס, צי מאכן א טעלעפאן צי נישט, ער האט נישט קיין געדולד צו רעדן מיט די קינדער געהעריג, די קינדער שפירן דאס מיין טאטע זיצט לעבן מיר, מיך האט ער נישט קיין צייט אויסצוהערן, צו מיר האט ער נישט קיין צייט צו רעדן. דאס קינד קען דאך נישט זאגן טאטע רעד צו מיר און נעם צייט פאר מיר אויכעט, דאס קינד זעהט איינמאל צוויימאל דריימאל, ס׳איז א שאד צו רעדן צו אים, ס׳וועט ממילא נישט העלפן. און דאס ברענגט צו אז די שטוב קען צופאלן, ס׳איז א חורבן אין די שטוב, ס׳מאכט אים שאדן די שטוב. ווען ס׳פעלט די ריכטיגע אהבה צווישן די בני בית, איז נאכדעם א קינד עלול ס׳זאל אוועקפאלן אינגאנצן.

**ווען** א מענטש וויל זעהן נחת פון די קינדער, דארף ער די ערשטע זעהן זיך מתקן צו זיין אין די הנהגה, וועט ער זעהן פירות דערפון. ווען מ׳זעצט זיך אראפ אויפ׳ן עראפלאן, יעדער וואס פארט ווייסט, אז אנהייב פון די נסיעה רופט מען אויס געוויסע כללים וואס מ׳דארף וויסן ווען מ׳זיצט אויפ׳ן עראפלאן. זאגט מען דארטן, אז בשעת ס׳מאכט זיך א עמערדזשענסי, זאל יעדער געדענקען אז מ׳דארף אנטוען אקסיזשען אויפ׳ן פנים. האט ער לעבן זיך א קינד, זאל ער פאר׳ן קינד אויך אנטוען דעם אקסיזשען. אבער זיי געבן צו און זיי זאגן, אז קודם כל זאל מען אנטוען אויף זיך אליין און נאכדעם זאל ער ערשט אנטוען די קינדער. א מוסר השכל, ווען ס׳איז דא א סכנה, ער און די קינדער זענען אין א סכנה, אז דו ווילסט אז דאס קינד זאל ווערן ניצול, קודם טו אן דיינס, ווען דו וועסט זיין רוהיג וועסטו זיך קענען מטפל זיין מיט דיין קינד, ביז ווילאנג דיין קאפ וועט נישט זיין אויפ׳ן פלאץ קענסטו זיך נישט מטפל זיין מיט׳ן קינד.

## אינטערנעט בבית מסחרו חוטא ומחטיא את הרבים

**מיר** דארפן געדענקען אין איבערגיין דעם תמצית הדברים. ווען איינער האט אינטערנעט אינדערהיים אן א פילטער, רופט מען אים אן אין חז״ל אז ער איז ״רשע״!, אזוי שטייט אין די גמרא (בבא בתרא נז:). אויב ער האט דאס אין געשעפט אין ביזנעס אן א פילטער, איז ער א ״חוטא ומחטיא את הרבים״!, ער לייגט צוגרינד די אלע וואס דרייען זיך ארום דארטן, אלעס איז אויף זיין חשבון וואס ער גיט זיי די מעגליכקייט צוצוקומען דערצו, החוטא ומחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה (סנהדרין קז:). אפילו ווען ער וויל תשובה טוען, מען וועט אים אזוי פארדרייען דעם קאפ מען וועט אים נישט געבן קיין געלעגענהייט ער זאל באמת תשובה טוען. און די שטוב און די ביזנעס וואס האט א אפענעם אינטערנעט, זאל ער וויסן אז דארט איז נישטא קיין שמירה פונעם אייבערשטן, ס׳איז ושב מאחריך, און אז דער אייבערשטער איז נישט דארט איז נישטא קיין ברכה, ס׳איז נישט מעגליך קיין ברכה. ער זעהט דאך אז ער איז מצליח אין די געשעפטן?, עושר שמור לבעליו לרעתו!, ער ווייסט נישט ווילאנג דער אייבערשטער וועט אים דאס געבן, וואס די חשבונות זענען פונעם רבוש״ע. אבער א ברכה איז דאס זיכער נישט!, ווייל ס׳איז נישט שייך קיין ברכה אויף א פלאץ ווי דער אייבערשטער געפינט זיך נישט דארטן.

## כלי הטעכנעלאגיע לא להשתמש בו לחדשות ושעשועים

**מ'דארף וויסן אז די כלי אן א פילטער, קען מען נישט נוצן אפילו פאר פרנסה. און אפילו מיט א פילטער ווען מען דארף עס פאר פרנסה, איז דאס נאר לצורך פרנסה. מברר זיין זאכן וואס מ'דארף קויפן דערויף, האט מען נישט קיין ברירה, אבער דאס איז נישט קיין כלי וואס ס'איז געמאכט געווארן זיך אינטערצוהאלטן. איך בין דאס מדגיש נאכאמאל, "אז סיי וואס פארא סארט אינטערנעט מ'האט, יעדע סעלפאן, יעדע בלעקבערי, נישט קיין חילוק וויאזוי ס'הייסט, א סמארט-פאון, דאס איז נישט געמאכט געווארן פאר זיך אינטערצוהאלטן, דאס דארף געניצט ווערן נאר ווען איך דארף עס פאר ביזנעס, איך דארף עפעס געוואויר ווערן, זאל איך דאס קענען נוצן, ווייל עס איז שווער אז מ'זאל עס קענען אסר'ן. אבער סתם צו וויסן נייעס, סתם צו זיין סאשל, צו האבן נאך פארבינדונגען, סתם אנצוברענגען צייט, צי דאס איז ביי די מענער, צי ס'איז זייערע חברים, צי ס'איז ביי די אידענעס, דארף מען וויסן אז דאס איז א געוואלדיגע שאדן, וואס די עצם הדבר אליין איז א סם המות!, און ער וועט נאכדעם נכשל ווערן מיט פיל עבירות, און ער ווערט צוגעבינדען דערצו אז מ'קען זיך נישט אפטשעפענען. ווען ער ווייסט אז ער האט דאס נאר פאר א געוויסע זאך צו נוצן, האלט ער עס נאר אויף וואס מ'דארף.**

**מ'דארף** אכט געבן, ווען ער קומט אהיים, האב רחמנות אויף דיינע קינדער. די שעה וואס דו ביסט אינדערהיים לייג אלעס אוועק. דו קומסט אהיים אין שטוב זאלסטו רעדן צו דיין ווייב געהעריג, זאלסט רעדן צו די קינדער געהעריג, דיין קאפ זאל זיין דארטן, לייג עס אוועק אין די זייט, נעם עס נישט ארויס די שעה וואס דו דארפסט מייחד זיין צו רעדן מיט די קינדער, די שעה דארף מען אוועקגעבן פאר די שטוב, דער קאפ זאל זיין דארטן, ס'זאל נישט זיין מן השפה ולחוץ, נאר יעדער זאל פילן אז דו געפינסט זיך יעצט אינדערהיים.

## לחנך הבנים בנועם ומתיקות דרכי התורה ומצותיה

**ס'איז** וויכטיג מסביר צו זיין פאר קינדער שטענדיג די שיינקייט פון תורה. אסאך מאל ווערן קינדער נתחנך מיט נישט קיין גוטע הרגשה אויף די דרכי התורה. מ'לייגט עס אים אראפ אויף אזא וועג אז די תורה קומט אייביג נאר אסר'ן, מ'טארנישט דאס, מ'טארנישט יענס, נאך א זאך וואס מ'טארנישט, ער הערט נאר אלץ וואס מ'טארנישט, די תורה קומט אסר'ן, די תורה קומט אוועקנעמען די תענוגים פונעם מענטש, תענוג החיים. ס'איז נישט אזוי!, די תורה קומט אונז געבן א זיס לעבן!, ווייל אמת'דיג חיי נחת האט נאר א איד וואס פירט זיך על פי תורה!. **מ'דארף מסביר זיין פאר די קינדער די שיינקייט וואס א אידישע שטוב האט אין זיך. ס'איז נישטא נאך אין די וועלט אזעלכע שיינע שטיבער ווי אידן האבן. אין גאנץ כדור העולם ווי ער וועט ארומגיין וועט ער נישט טרעפן א שטוב וואס האט אזויפיל חן מיט אזויפיל ווארימקייט מיט אזויפיל ערליכקייט און מענטשהייט, וואס געפינט זיך אין א אידישע שטוב. שלום בית וואס ס'איז דא אין א אידישע שטוב, געפינט מען נישט אין די גאנצע וועלט ביי די אומות העולם. די חינוך וואס מיר זענען מחנך אונזערע קינדער מיט מידות טובות, די צדקה וחסד וואס ס'קומט פון א אידישע שטוב, די שיינע שבתים וימים טובים וואס ס'איז דא ביי אונז.**

**די** וואס גייען אביסל ארויס, זיי גייען זוכן גליקן אין די פרעמד, וועט ער טרעפן איבעראל צעבראכענע משפחות, די טאטע מיט די מאמע זענען נישט צוזאמען, אבער פעלט דער טאטע אבער פעלט די מאמע. און ווען זיי זענען יא צוזאמען, פעלט דער קשר וואס איז דא אין א אידישע שטוב. דער חסד וואס ס'איז דא ביי אידן בכלל, וואס איינער העלפט ארויס פאר'ן צווייטן, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. און ס'וועט קומען אמאל א צייט וואס דער אייבערשטער וועט באצאלן פאר דעם וואס א איד גייט אדורך אויף די וועלט, מיר גלייבן דאך אין שכר ועונש, ס'איז יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה (אבות ד-טז). דאס דארף מען רעדן צו קינדער, ארויסברענגען די שיינקייט, וויסן אז ווען דו וועסט זיך פירן ווי די תורה וויל, וועסטו האבן א פרייליך און א זיס לעבן וואס דו וועסט נישט געפינען ערגעץ אנדערש.

**מ'דארף** אין שטוב אריינברענגען א ווארימקייט צו די מצוות פונעם אייבערשטן. נישט צו טוען כמצות אנשים מלומדה, אפגעטוען, מ'האט שוין נאך א מצוה באקומען, אפגעשאקלט דעם לולב, ער האט שוין אפגעגעסן די מצה, און געענדיגט די מצוה וואס איז פארבינדן מיט דעם טאג. נאר מען זאל אלס ארויסווייזן פאר קינדער אז מ'האט השתוקקות, מ'האט א התלהבות, מ'האט א ברען און א זכיה אז מ'קען א טוען א מצוה פאר'ן אייבערשטן. **הצנע לכת איז זייער א חשובע מדה, אבער דאס איז נאר א קעגן פרעמדע, נישט אקעגן קינדער. ביי קינדער איז נישטא קיין הצנע לכת. יא א קינד זאל וויסן אז דו געסט צדקה, א קינד זאל וויסן אז דו פאסט א תענית, א קינד זאל וויסן אז דו דאווענסט ערליך, און ער זאל וויסן וואס דו גייסט אדורך און דו קענסט זיך האלטן אין די נסיונות הזמן. דאס אלעס לאזט איבער א רושם.** הנגלות לנו ולבנינו (דברים כט-כח), פאר אונזערע קינדער דארף זיין נגלות. יעדע מצוה וואס קומט אונטער די האנט, אריינעמען די קינדער דערמיט, ווייזן פאר זיי דעם חשק און דעם סיפוק וואס ער האט פון א מצוה וואס ס'קומט אים אונטער.

## סעודת שב"ק עם בני הבית מתובל בדברי תורה וסיפורי צדיקים

**שבת קודש, יום מנוחה וקדושה, דארף זיין א טאג וואס כל מלאכתו עשויה. ווען ס'קומט אריין דער שבת פארגעס פון די וועלט. האסט דעם שבת גארנישט צו טוהן, נאר פארברענג מיט דיין ווייב און די קינדער. אויסצונוצען דעם שבת אריינצוברענגען אין זיי א ליבשאפט און א ווארימקייט צו תורה און מצוות.** דאס איז דער איינציגער טאג אין דערוואך וואס דו האסט צייט, די קינדער זענען אינדערהיים, זיי זענען נישט אין חדר זיי זענען נישט אין שולע'ס, די סעודות שבת זאלן זיין מוקדש פאר די קינדער אריינצוברענגען אין זיי א ווארימקייט, זינגען זמירות מיט די קינדער ווארימערהייט, רעדן

בדברי תורה, זיך אראפלאזן צו קינדער, זאג זיי א דבר תורה וואס זיי וועלן פארשטיין, בעטן פון די קינדער זאג נאך א דבר תורה. קוק דיך פאר עפעס אין מיטן די וואך אז דו זאלסט עס קענען זאגן, און יעדער ווייסט ביי זיך אין שטוב אויף וואס מ'דארף מעורר צו זיין. פארציילן א מעשה, א סיפור פון א צדיק, און א געוויסע מדה טובה וואס מ'דארף ארויסברענגען אינעם שטוב. מ'געט א גאנצע וואך צייט מ'זאל זיך צוגרייטן דערצו, מ'קען נישט אריינפאלן שבת אינדערהיים און פירן א שיינעם שבת טיש. קוק דיך פאר אינמיטן די וואך, נעם א ספר, ס'איז דא אזויפיל היינט אויף אידיש, סיפורים פון צדיקים, תולדות פון חכמי ישראל, זאלסט האבן עפעס נאכצוזאגן שבת ביים טיש פאר דיינע קינדער וויאזוי ערליכע אידן האבן זיך געפירט.

**און** אז דער שבת איז ווארעם, ברענגט עס א נאנטקייט צווישן די עלטערן מיט די קינדער. ס'איז א מנוחה שלימה שאתה רוצה בה, ס'איז די ריכטיגע מנוחה, מ'האט צייט צו געבן א שימת לב אן אויפמערקזאמקייט אויף יעדן קינד עקסטער. - אז מ'פארהערט אין שבת, איז נישט די חכמה פארהערן און וויזן פאר'ן קינד וואס ער קען נישט, וויזן פאר'ן קינד וואס ער קען יא. זאג מיר וואס דו האסט יא געלערנט, זאג מיר וואס דו קענסט. און ווען ער קען, ארויסברענגען ווי שיין דו האסט עס געזאגט ווי גוט דו האסט עס געזאגט, גיט דאס אים א מוט און א חשק, די אנדערע וואך וויל איך אויך הערן דעם קאמפלימענט פון מיין טאטען, די אנדערע וואך וועל איך מיך אויך צוגרייטן אז איך זאל גוט קענען אין מיטן די וואך, כדי איך זאל דאס הערן פון מיין טאטע.

**מ'איז** מיד, מ'קומט אהיים פרייטאג נאכמיטאג מ'האט נישט קיין כח, מ'ווארט שוין אויפן שבת מ'זאל זיך קענען אנלאנען. אמת, וועגן דעם שטייט אין הייליגע ספרים אז שלאפן ערב שבת איז א גרויס ענין. אויסער די העכערע ענין וואס ס'איז דא, איז פשוט א גרויס ענין אז מ'זאל האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ בשעת מ'דארף זיך זעצן שבת מיט די קינדער. איך בין געווען א קינד א בחור א יונגערמאן, איך האב געגעסן ביי מיין טאטען ז"ל יארן לאנג שבתים, אלס יונגערמאן האב איך געגעסן אסאך יארן שבת ביי אים, און ס'איז געווען צייטן וואס מ'איז געווען ערב שבת זייער מיד, בפרט אין די צייטן וואס די מאמע ע"ה איז נישט געזונט געווען, ער האט געדארפט אליין טראגן דעם עול הבית, ער פלעגט שפירן אסאך מאל פרייטאג ביינאכט ווען ער איז ארויפגעקומען נאכן דאווענען אז ער וועט נישט קענען זיצן געהעריג ביים טיש, האט ער זיך אראפגעלייגט נאך פאר זינגען שלום עליכם א האלבע שעה און אמאל א שעה ביז ער האט געשפירט אז ער איז ביי די כוחות, נאכדעם האט ער זיך אראפגעזעצט צום טיש, שעה'ן געזעסן ביים טיש, שעה'ן מיט דברי תורה, סיפורי צדיקים, והיינו דאהני, דאס האט געהאלפן אז די שטוב זאל אויסוואקסן א שטוב פון תורה, מ'האט זיך געבענקט די גאנצע וואך אז ס'זאל קומען דער שבת מ'זאל קענען זיצן אינאיינעם. אזוי דארף יעדער איד אויסנוצן דעם שבת, משפיע זיין תורה ויראת שמים פאר די קינדער.

## קביעות עתים לתורה, ולקיחת הבחינות שנתרבו לאחרונה ב"ה

**קביעת** עתים לתורה, ווייסט דאך יעדער איינער אז דאס איז א מצוה אויף יעדן איינעם. ס'קען נישט אדורכגיין א טאג אן דעם וואס מ'לערנט תורה. ב"ה אין די לעצטערע יארן איז נתרבה געווארן לומדי תורה. וואס די שורש פון א איד איז תוה"ק, בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין. אז מ'האט נישט קיין שיעור אין תורה האט מען נישט קיין כלי זיין אקעגן יצה"ר, און דער יצה"ר איז מושל אויפ'ן מענטש, דאס ווייסט יעדער איינער.

**איך** האב געוואלט ארויסברענגען א געוויסע נקודה. ב"ה לעצטנס איז געווארן אסאך חבורות אויף לימוד התורה וואס יעדער קען טרעפן זיין פלאץ דארטן. ס'איז דא וואס לערנען דף היומי, זענען דא וואס לערנען ישראל ואורייתא, ס'איז דא וואס לערנען יסודי התורה, ביי אונז אין די קהלה איז דא וואס לערנען ובהם נהגה. ווער ס'האט זיך צוגעשטעלט צו איינע פון די חבורות, דער לערנט יעדן טאג, ווייל ער דארף דאך אנקומען דעם בלאט וואס מ'לערנט, און שפירט א דערהויבענקייט אין זיין אידישקייט. די תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש, ער איז א אנדערער איד פון דעם וואס ער איז געווען פריער.

**אבער** לעצטנס האט מען צוגעגעבן דערצו נאך א הוספה, מ'האט אנגעהויבן א מסגרת אז מ'זאל איבער'חזר'ן וואס מ'לערנט, און מיט בחינות דערויף, און מ'צאלט נאך מתן שכרו בצדו. אנגעהויבן האט זיך עס מיט מפעל הש"ס, און מיט צען יאר צוריק האט "דרשו" אנגעהויבן צו געבן בחינות אויף דרייסיג בלאט א חודש, און מ'האט געגעבן דערויף א פרס, ס'איז דא דארט אויך א חבורה פון הונדערט און צוואנציג בלאט, אזוי אז ב"ה מ'האט שוין מסיים געווען ש"ס אויף דעם אופן. לעצטנס איז געווארן חבורות פון קלענערע מאס, נישט יעדער קען אפלערנען דרייסיג בלאט אויף זיך צו לאזן פארהערן, "תורתך שעשועי" האט געמאכט אויף צוואנציג בלאט, "זכרו" האט געמאכט אויף צען בלאט, ביי אונז אין די קהילה איז אויך דא "ושננתם", וואס מ'חזר'ט איבער און מען גיט בחינות.

**איך** וויל שטארק מעורר זיין, מ'זאל זיך פרובירן צוצושטעלן דערצו. אויסערדעם וואס מ'געדענקט עס מער, מ'חזר'ט עס איבער, א פרק נאך א פרק, נאך א מסכת, דער קאפ ליגט אין תורה. מ'קען זיך נישט פארהערן נאר אז מ'קען, און אז מ'קען נישט קען מען דאך נישט פארהערן. און אז מ'וויל זיך פארהערן, טראכט מען שטענדיג אין דברי תורה, אויך ווען מ'ארבעט. ס'קען זיין די הענט טוען די ארבעט, אבער דער קאפ איז אים פארנומען איבערצוגיין נאכאמאל די גמרא וואס מ'האט געלערנט, די קשיא פון די גמרא די תירוץ פון די גמרא, די מסקנא פון די גמרא און אזוי ווייטער, ס'איז יגיע 'כפיך' כי תאכל (תהלים קכח-ב), נאר די האנט פלאגט זיך, ס'איז נישט יגיע

ראשך, דער קאפ ליגט אים ערגעץ אנדערש, די קאפ ליגט אין תורה. **ס׳איז א געוואלדיגע חשיבות פרובירן זיך צוצושטעלן, איך זאג נישט אז יעדער קען דאס טוען, אבער ׳פרובירן׳ קען יעדער. קענסט נישט דרייסיג בלאט שטעל דיך צו צוואנציג, שטעל דיך צו צו צען בלאט, הייב אן צו לערנען אויף א סיסטעם אז דו ווילסט זיך פארהערן וואס דו האסט געלערנט, וועסטו זעהן דיין קאפ וועט טראכטן שטענדיג אין תורה, דו וועסט ליגן אין תורה, און אז מ׳ליגט אין תורה איז מען א אנדערער מענטש, מ׳האט א חשיבות, אפילו אין די אייגענע שטוב ווערט מען דערהויבן, די ווייב קוקט מיט א אנדערע אויג אויף איר מאן ווען ער איז א בן תורה, די קינדער קוקן ארויף אויף די עלטערן, דער טאטע חזר׳ט יעצט, ער איז פארנומען ער דארף זיך שטעלן צום פארהער. וכל העוסק בתורה נכסיו מצליחין** (עבודה זרה יט.)**, מ׳דארף דאך האבן ברכה און הצלחה אין וואס מ׳טוט, ווען מ׳איז עוסק אין תורה שיקט דער אייבערשטער אריין א ברכה.**

## לחזק גדרי הצניעות במלבושים

**גדרי צניעות איז זייער נפרץ געווארן לעצטנס. מ׳גייט מיט אזעלכע מלבושים וואס פאסט נישט אז א אידישע טאכטער זאל אזוי גיין. ס׳איז דא מלבושים וואס איז אסור מן התורה אזוי צו גיין ס׳איז א קעגן דת משה, און ס׳איז דא מלבושים וואס זענען נישט דת יהודית, וואס א אידישע טאכטער זאל אזוי גיין אנגעטוען. מיט א פאר טאג צוריק איז געווען א גרויסע אסיפה אין בארא פארק וועגן דעם ענין, עס האבן זיך צוזאמגענומען די גאנצע שטאט, אלע גדולי העיר, און מ׳האט גערעדט מ׳האט מעורר געווען וועגן די ענינים. מ׳האט געטיילט דארטן א קונטרס ״הוד והדר״. אין דעם קונטרס איז אראפגעלייגט אין פרטים און מציאות פונעם לעבן אלע סארט ענינֵי צניעות וואס דארף זיין ביי א אשה אין איר קליידונג. איך האב דאס אדורכגעקוקט מתחלתו ועד סופו, און איך האלט יעדער אז יונגערמאן יעדער איד דארף נעמען דעם קונטרס אהיים צו זיך אין שטוב און איבערגיין אליין דעם קונטרס, און איבערגיין צוזאמען מיט די ווייב, זיך אראפזעצן און אדורכגיין דעם קונטרס. ס׳איז נישטא קיין שום פרומע זאך דארטן, ס׳איז נישטא קיין שום זאך וואס ס׳איז נאר מנהג וכדומה, אדער איבערגעטריבן, דאס איז די ׳מינימום׳ וואס יעדער איז מחוייב, וואס ס׳שטייט דארטן איז אויסגעמאסטן מיט די הלכה, אויב מ׳פירט זיך נישט אזוי איז מען אוועקגעגאנגען פון די גדרי הלכה וויאזוי א איד דארף זיך צו פירן. אדורכגיין צוזאמען און אפשמועסן צווישן זיך, מיר ווילן דאך א ערליכע שטוב, מיר ווילן דאך א צניעות׳דיגע שטוב, דאס איז די הלכות וואס די תורה פארלאנגט פון אונז, און לאמיר זעהן צו אונזערע קליידער איז אויסגעשטעלט אזוי ווי די תורה פארשרייבט אונז, און מיר ווילן דאס נאכגיין, מיר ווילן אזוי אויפשטעלן אונזער שטוב.**

**דער** יצר הרע איז דאך גרויס, אמאל איז איהר יצר הרע גרויס, מ׳וויל זיך באשיינען מיט די מלבושים. ליידער אמאל איז אונזער יצר הרע גרויס אז מיר פארלאנגען אז מ׳זאל גיין אזוי אנגעטוען, אבער צווישן זיך קען זיך יעדער מחזק זיין, איינער דעם צווייטן, זכה נעשית לו עזר, אז מ׳איז זוכה ווערט מען א הילף, און צוזאמען קען מען גרינדען א בית נאמן כדת של תורה. ס׳איז כדאי מ׳זאל נעמען יעדער איינער דעם קונטרס און אדורכגיין צווישן זיך, און פירן א שטוב וואס ס׳זאל זיין אויסגעהאלטן אין צניעות.

## בחומר איסור צביעת הפנים

**ס׳איז** שטארק נפרץ געווארן לעצטנס פארבן זיך די פנים מיט די אויגן אויף א אופן וואס מ׳איז קיינמאל נישט געגאנגען אזוי ביי אונז. ס׳איז זייער בולט וויאזוי מ׳גייט אויסגעשמירט. ביים חורבן בית המקדש שטייט א פסוק אין ישעי׳ הנביא, מ׳קען עס נאכקוקן, וואס דער נביא איז דארט מוכיח אידן אויף דעם חורבן וואס גייט קומען, זאגט דער פסוק (ישעיה ג-טז), ויאמר ה׳ יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה בנטיות גרון ומשקרות עינים, רש״י טייטש ומשקרות עינים אז מ׳האט זיך געפארבעט מיט רויטע פארב די אויגן. זעהט מען אז דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן בית המקדש.

**מ׳דארף** נישט מאריך זיין אין חשיבות פון צניעות, איך וועל נאר נאכזאגן א לשון פון מדרש תנחומא אין פרשת וישלח, בזמן שהיא צנועה בתוך הבית, ווען מ׳האט א ווייב וואס איז צנועה אין שטוב, איז כשם שהמזבח מכפר כך היא מכפרת על ביתה, אזוי ווי ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט א איד געברענגט א קרבן פאר׳ן אייבערשטן און דער קרבן האט מכפר געווען אויף זיך מיט די בני בית, א אשה צנועה ווען ביי זיך אינדערהיים גייט זי אנגעטוען בצניעות איז זי מכפר אויף די גאנצע שטוב, שנאמר (תהלים קכח-ג) אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, אין ירכתי אלא מזבח, דער מזבח ווערט אנגערופן ירך, ווי עס שטייט אין די פאריגע פרשה ושחט אותה על ירך המזבח. אם עשתה כן, פירט אויס דער מדרש, אז מ׳פירט זיך בצניעות, בניך כשתילי זיתים, וועסטו האבן קינדער ווי שתילי זיתים, בנים נמשחים בשמן המשחה, סביב לשלחנך, וועסטו האבן געראטענע קינדער. **ווי שווער ס׳איז היינט צו האבן ערליכע קינדער, וואס טוט נישט א מאמע פאר ערליכע קינדער, צניעות וואס מען גיט אכטונג אין שטוב העלפט דערצו, און ס׳איז מכפרת על ביתה, ס׳איז א ריינע שטוב ס׳נישטא קיין חטאים, ווייל איר צניעות איז מכפר אויף די שטוב, און דער סוף וועסטו האבן גוטע קינדער.**

## גזירות גיוס בני הישיבות

**איך** וויל ענדיגן מיט נאך איין נושא, ס׳איז זייער א פארווייטאגטע נושא, און איך וועל אנרירן ממש אויפן שפיץ גאפל דערפון. איך האף אז ס׳וועט עושה רושם זיין, און מ׳וועט מטכס עצה זיין וואס מ׳זאל טוען. יעדער ווייסט אז אין ארץ ישראל איז היינט דא די שווערע גזירה אויף די לומדי תורה, גיוס בני ישיבה, זיי ווילן נעמען די בני ישיבות אין מיליטער.

וואס אזאנס איז נאך נישט געווען מיום הוסדה פון די מלכות הרשעה וואס האט זיך אויפגעשטעלט דארטן, עס זאל קומען אזא שווערע ביטערע גזירה אויף אוועקצונעמען בני ישיבה מכותלי בית המדרש. שוין זעכציג יאר אדורכגעגאנגען פון ווען ס'איז געווען די גזירה פון גיוס בנות, אלץ וואס ס'איז געווען זייט דעמאלטס איז גענוג ביטער געווען, אבער נישט אזוי ביטער ווי די זאך ווי ארויסצונעמען און שיקן אין מיליטער אידישע קינדער. מ'איז מתפלל להעביר את הגזירה, ס'איז זיכער כי לא ינוח ה' שבט הרשע על גורל הצדיקים, דער באשעפער וועט זיי נישט געבן די מעגליכקייט אז מ'זאל קענען אויספירן וואס זיי ווילן, דער באשעפער וועט העלפן אידישע קינדער.

**אבער** איך מיין א נקודה וואס מ'דארף אריינטראכטן, פארוואס איז אונז געקומען די צרה, פארוואס איז אונז געקומען אזא פעקל אז מ'האט זיך פארלייגט אויף די בני ישיבה?. א שטיק צייט צוריק האבן מיר געליטן דא, מ'ליידט נאך אלץ, פון דעם ענין פון מציצה בפה וואס מ'האט זיך פארלייגט דא דורך ראשים פון די שטאט פרובירן צו שטערן פון דעם. איך האב געהערט פון איינע פון די גדולי הדור פון די ליטווישע וועלט, מ'האט גערעדט וועגן דעם ענין פון מציצה בפה, האט ער מיר געזאגט, איך מיין אז די סיבה פארוואס ס'איז צוגעקומען צו אזא גזירה דא אין שטאט, ווייל מיר זענען נישט מקיים די מצוה כהלכתה, מען איז מל ב"ה קינדער מילה פריעה מציצה, אבער איך בין א סנדק ביי אסאך אידישע קינדער, און איך זעה אז מוהלים זענען נישט מוצץ כתקנה, וואס מציצה דארף זיין ווי עס שטייט אין רמב"ם אין שו"ע (יו"ד רסד-ג) עד שיצא הדם ממקומות הרחוקים, מ'דארף מוצץ זיין נישט די בלוט וואס ס'איז דא דארטן, נאר ארויסציען די בלוט ס'זאל קומען ממקומות הרחוקים, דאס איז די מצוה פון מציצה, האט ער געזאגט אז אזוי ווי ער זעהט אז ס'איז דא אסאך מוהלים וואס זענען נישט מדקדק דערמיט, וועגן דעם איז געווארן א גזירה פון הימל וואס ס'איז נוגע צו די מצוה, ווייל מ'איז דאס נישט מקיים בשלימות.

## ישיבות אינם מקבלים בחורים יראי שמים בכשרונות חלושים

**מ'זעהט אז מ'האט זיך פארלייגט אויף די ישיבות. איך מיין לעניננו דאס איז אויך א זאך וואס מ'דארף אריינטראכטן אין דעם. מיר זעהן ס'גייט אדורך יאר נאך יאר, ליידער ס'ווערן פארמערט בחורים וואס פאלן ארויס פון די ישיבות, און מען וועט עס אנרופען, אז די ישיבות ווארפן זיך ארום מיט בחורים. א בחור וואס איז א בינוני כל שכן ווען ער איז שוואך אין כשרון, קען ער זיין א וואוילער בחור א ערליכער בחור א ירא ושלם, ווערט פארמאכט די טירען פון די ישיבה פאר אים אז ער קען נישט אריינקומען. די קינדער פלאגן זיך, זיי ווערן צעבראכן גייסטיש מיט דעם וואס מ'האט זיך ארומגעווארפן מיט זיי. און אפילו ווען מ'קומט שוין אן אין א ישיבה, נישט אייביג איז דאס ווי דער בחור האט געוואלט אנקומען, און כל שכן ווען ער געפינט נישט דארטן א ריכטיגן מקום ווי ער וועט נהנה זיין, ווערט ער נאך מער צעבראכן, און דאס ברענגט ער הייבט אן צו פארלירן זיין געפיל, און טייל מאל ענדיגט זיך דאס מיט אוועקצוגיין אינגאנצען.**

**היינט אז א בחור האט נישט קיין ישיבה, איז עס נישט ווי אינדערהיים, ער איז געגאנגען ארבעטן, ער איז געווארן א שיסטער אדער א שניידער, געארבעט ביי יענעם אין שטוב, געטוען זיין ארבעט באמונה, און נאכדעם עוסק זיין בתורה און געווען א ערליכער איד. לויט דעם מצב היינט, ווען א בחור האט נישט קיין מסגרת הישיבה, איז נישט מעגליך ער זאל עומד זיין בנסיון, ער זאל בלייבן א איד. לויט די היינטיגע אומשטענדען וואס לאקערט אויף אים, הייבט ער זיך אָן מחבר צו זיין צו נישט קיין גוטע חברותא, און ער פאלט אוועק. דאס איז קיינמאל נישט געווען ביי אידן, אז א בחור א ירא שמים זאל נישט קענען טרעפן אריינצוקומען אין א ישיבה צו לערנען, עס איז נישט געווען אז א בחור פון פערצן פופצן יאר, א אפרוח שלא נפתחו עיניו, וואס האט קוים געעפענט די אויגן, און ווערט שוין אפגע'פסק'נט געווארן, לא יצלח, ער קען נישט מצליח זיין. און ער דארף זיך דרייען צווישן שוואכע וואס זענען נאך שוואכער פון אים, מ'גיט אים גארנישט קיין מעגליכקייט אז ער זאל קענען וואקסן. עס איז אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ** (עבודה זרה יט.), **און ער קען נישט צוקומען דערצו.**

## החורבון שנתהוה ע"י ה'ישיבות למצויינים'

**נו** וועט מען פרעגן, ווי קען דאס טאקע זיין, מען רעדט דאך פון ראשי ישיבות, מנהלים פון ישיבות, זיי זענען ערליך, זיי זאלן פארמאכן די טויערן פון די ישיבות, אז אין ישיבה זאל נישט קענען אריינקומען קיין בחורים, זיי זענען דאך נישט ח"ו קיין רשעים, זיי זענען דאך מרביצי תורה, וואס איז געשעהן?. דער אמת איז, לויטן היינטיגן מצב זענען זיי נישט שולדיג. זיי בארעכטיגן אין א געוויסן וועג וואס זיי טוען. די לעצטע צוואנציג יאר איז געשעהן א געוואלדיגע שינוי אין עניני סדרי הישיבות פון וואס ס'איז געווען עכ"פ אין אונזערע לעצטערע תקופות. יעדע ישיבה איז צוזאמגעשטעלט פון אלע סארט בחורים, מצויינים, גוטע בחורים, בינונים, שוואכערע בחורים, און אזעלכע וואס זענען גאר שוואך, אזוי ווי א כתה אין תלמוד תורה, גוטע קינדער, שוואכערע קינדער, און נאך שוואכערע קינדער. און יעדער איינער וואס איז געקומען אין ישיבה איז נתעלה געווארן לויט זיין מדריגה, דער בינוני איז נמשך געווארן דורך דעם בעסערן, דער שוואכערער איז נמשך געווארן דורכן בינוני, און אלע זענען נתעלה געווארן לויט זייער מדריגה, אזוי זענען געווען אלע ישיבות. פאר די מלחמה איז געווען איין ישיבה פאר מצויינים, רבי מאיר שפירא ז"ל, ישיבת חכמי לובלין, וואס ער האט אויפגעשטעלט א ישיבה פאר גרויסע בחורים, בחורים פון בערך צוואנציג יאר, וואס ס'איז נאך אמאל געווען די יארן פון בחורים וואס זענען געגאנגען אין

ישיבות, בחורים וואס האבן שוין געקענט הונדערטער בלאט גמרא בעפאר מ׳איז אריינגעקומען, פאר זיי האט ער געמאכט א מסגרת וואס זיי זאלן קענען מער שטייגן. אבער פאר אזעלכע יונגע בחורליך ווי היינט, איז דאס נישט געווען.

**מיט צוואנציג יאר, אפשר נאך מער, זענען געקומען א פאר תלמידי חכמים און זיי האבן אנגעהויבן ארויסצושלעפן פון די תלמוד תורות די גוטע בחורים און געמאכט פאר זיי א עקסטערע קבוצה אז זיי זאלן לערנען פאר זיך, זיי האבן איבערגעלאזט די מיטל-גאטיגע בחורים מיט די שוואכע. א ישיבה פון בינונים קען שטארק מצליח זיין, אבער נישט ווען ס׳איז דא שוואכע צוזאמען. שוואכע צוזאמען מיט בינונים ווערן די בינונים נשפע דורך די שוואכע. פאר יעדן מצויין׳דיגער בחור וואס איז דא אין א ישיבה, קען מען אריינעמען אין די כתה צוויי דריי שוואכערע, צו די באלאנס פון די כתה. ווי עס איז געווארן אז מ׳האט אנגעהויבן ארויסצוציען די בחורים מצויינים עקסטער, קענען ליידער די ישיבות נישט אריינעמען קיין שוואכע בחורים, ווייל בינונים קענען זיך נישט האלטן צוזאמען מיט שוואכע, נאר ווען זיי האבן מצויינים. און אויב מ׳נעמט אריין שוואכע קינדער צוזאמען מיט די בינונים טוען זיי אראפברענגען די התמדה פונעם לערנען, די קוואליטעט פונעם לערנען.**

**און זייט ס׳איז געווארן די סארט ישיבות איז כמעט צוגעמאכט געווארן די טויערן פון די ישיבה פאר שוואכע בחורים. און מאכן א ישיבה פאר שוואכע בחורים אליין, ארבעט נישט, ס׳איז נישט מעגליך א ישיבה פון נאר שוואכע בחורים ווייל קנאת סופרים תרבה חכמה, שוואכע בחורים קענען זיך דערהייבן נאר ווען ער האט גרעסערס. וועגן דעם פון ווען מ׳האט ארויס גענומען די בחורים מצויינים עקסטער, און ס׳איז געבליבן די אלגעמיינע ישיבה מיט בחורים בינונים, פאלען ארויס שוואכערע בחורים אז מ׳קען זיי נישט אריינעמען אין די ישיבה.**

**און היינט נאך צוואנציג יאר, זעהט מען די פירות, וואס דאס האט אוועקגעריסן שטיקער פון אידישקייט. דרייען זיך היינט ארום נישט קיין יחידים, נישט קיין צענדליגע, נאר הונדערטער בחורים דרייען זיך ארום, זיי האבן נישט קיין מסגרת פון קיין ישיבה ווייל מ׳קען זיי נישט אריינעמען, ס׳האט נישט קיין מקום לויטן היינטיגן סיסטעם, אז מ׳זאל זיי קענען אריינעמען אין א ישיבה.**

**ווער** איז שולדיג דערויף?, נישט די ראשי ישיבות, נישט די הנהלה פון די ישיבה, אסאך מאל עלטערן אליינס זענען שולדיג בלא יודעים וואס זיי האבן זיך אליין אנגעמאכט. ווען זיי האבן געהאט א בחור א מצויין, א גוטן בחור, האבן זיי אים ארויסגענומען און זיי האבן אים אוועקגעשיקט ער זאל גיין לערנען צווישן די מצויינים. און אז מ׳האט געהערט אז דארט אין יענע ישיבה איז דא שוואכער בחור, זאגט ער פארן מנהל, טאמער שיקסטו אוועק יענעם בחור קען איך שיקן מיין בחור, מיט יענעם צוזאמען גייט עס נישט!. וואס איז געווארן דערפון, אז די הנהלת הישיבה האט אנגעהויבן זיך צו ווארפן מיט די בחורים, מ׳האט אנגעהויבן אריינצונעמען נאר גוטע בחורים גוטע בינונים, און די שוואכע פאלן אוועק און זיי האבן נישט קיין פלאץ ווי צו לערנען.

**דער** זעלבער טאטע נאכדעם ווען ער האט א שוואכער בחור און מ׳וויל אים נישט אננעמען, איז ער מלא חימה, וואס הייסט מ׳וויל לערנען תורה און מ׳נעמט אים נישט אריין... ווי ביסטו געווען ווען דו האסט ארויסגענומען דיין קינד און דו האסט אים אוועקגעשיקט אין דער פרעמד?. דו האסט דעמאלטס געמאכט א חורבן פון די ישיבה, אז די ישיבה קען נישט אננעמען קיין שוואכע בחורים. דו האסט צעבראכן די ישיבה, דו האסט געגראבן דעם גרוב, און דו עסט יעצט די פירות. מ׳איז מלא טענות, וואס טייטש מ׳נעמט נישט אריין א קינד אין די ישיבה.

**בכל** אופן, איך האב נאר מסביר געווען די נקודות הדברים, אבער למעשה די מצב איז איום ונורא, די הנהלת הישיבה שרייען אז זיי זענען נישט שולדיג אז זיי נעמען נישט אריין קיין שוואכע בחורים, די טאטעס שרייען איך האב נישט קיין ישיבה פאר מיין בחור, און די בחורים זענען קרבנות!, מ׳ווארפט זיך ארום מיט זיי.

## לטכס עצה שכל הבחורים יסתדרו בישיבות

**ראשי ישיבות, מנהלי הישיבות, זאגטס נישט שלום עלי נפשי. זאגטס נישט איך טו די בעסטע וואס איך קען פאר מיינע בחורים, און איך זיך די בעסטע אז זיי זאלן קענען שטייגן, אני את נפשי הצלתי, איך האב נישט קיין אחריות נאר אויף די. מיר זענען איין פאלק, בנים אתם לה׳ אלקיכם, מיר האבן אחריות אויף יעדן אידישן קינד זאל ח״ו נישט ארויסגיין לתרבות רעה, מיר האבן אחריות אויף די בחורים, מיר זאלן זוכן באטשיק עפעס א וועג וואס מיר קענען זיי העלפן. מ׳זאל רחמנות האבן אויף די שטיבער וואס גייען צוגרינד, ווען א קינד קען נישט אריינקומען אין א ישיבה וואס דאס מיינט פאר דעם טאטען און פאר די מאמע, וויפיל מאמעס שרייען און וויינען טאג און נאכט וואס איז געווארן פון מיין קינד, איך טרעף נישט פאר אים קיין ישיבה, און די מאמע זעהט נעבעך וויאזוי דאס קינד גייט מטה מטה, נאך א וואך נאך א חודש גייט אדורך, און זי פארלירט דאס קינד.**

**מיר דארפן זיך צוזאמענעמען, רבנים ראשי ישיבות, מטכס עצה צו זיין וואס מיר קענען טוען, מיר רעדן נישט פון בחורים יחידים, אז מ׳וועט נישט צוהעלפן וועט עס נתרבה ווערן מער און מער, ס׳איז א מצוה רבה אויף יונגעלייט עסקנים וואס טוען אין עסקנות, זאלן זעהן מארגן צו זיין, זעהן וואס מ׳קען טוען אין דעם היינטיגן מצב אז דער בחור זאל נישט בסופו**

**ארויסגיין לתרבות רעה, טרעפן א מהלך וואס מיר קענען יא טוען פאר די בחורים. נישט זיין צופרידן אז איך קען נישט טוען, ביי מיר האט ער נישט קיין פלאץ, איז עס הפקר, מיר דארפן זעהן צו טוען וואס מיר קענען זיי ארויסצוהעלפן.**

**עס** זענען דא בחורים וואס זייער שוואכקייט האט זיך נישט אנגעהויבן יעצט, ס'האט זיך שוין אנגעהויבן אין די תלמוד תורה, מ'האט נישט משים לב געווען. אמאל איז דא וואס דאס קינד כאפט נישט אויף דאס לערנען געהעריג, ס'איז ליידער דא בחורים וואס קענען נישט קיין עברי, זיי הערן אלעס אויס אויסענווייניג, מ'איז נישט משים לב אז זיי זאלן קענען גוט עברי, די קינד קען אפילו נישט דאווענען געהעריג. די אלע וואס טוען אין חינוך ווייסן וואס איך רעד. די תלמוד תורות דארפן אנהייבן צו זוכן די פראבלעם תיכף ביים אנהייב פונעם שורש, אדורכגיין כתה ב' כתה ג' כתה ד' נעמען יעדעס קינד עקסטער אין דער זייט, קוקן ווי אזוי זיין הבנה איז, קוקן ווי אזוי ער קען זאגן עברי, יעצט איז דאס א קליינגקייט, מ'וואקסט דאס נישט אויס, מ'נעמט עס מיט מיט זיך, און שפעטער איז דאס א גרעסערע פראבלעם ווי אלס קינד. מ'דארף זעהן צו טוען אין די תלמוד תורה שוין זיך צוגרייטן דערצו, ס'זאל נישט זיין בחורים וואס זאלן שפעטער אוועקפאלן פון די ישיבות.

## הדרכה לבחורי הישיבות

**און איך וויל זאגן א פאר ווערטער פאר די בחורים וואס געפינען זיך יא אין ישיבות, און אין גוטע ישיבות, איך וויל זיי מחזק זיין און מעודד זיין, אז זיי זאלן וויסן, ווי גליקליך זענען זיי אז זיי געפינען אין א מסגרת פון א ישיבה, אז זיי קענען זיצן און לערנען בהתמדה. נוצט אויס די צייט. ס'איז זייער וויכטיג פאר'ן דור היינט צו האבן בני תורה. ס'וועט זיין א טייערע פרייז פאר אים ווען ער וועט אויסוואקסן א בן תורה. זיין גליקליכקייט אין לעבן איז תלוי אין די פאָר יאר וואס ער געפינט זיך אין די ישיבה, אז ער וועט עס יעצט אויסנוצען ווי ס'דארף צו זיין, וועט ער זיין א נחת פאר זיך פאר זיינע עלטערן און פאר די גאנצע וועלט מיט זיין תורה.**

**מ'איז** אין די ישיבה, פירן זיך מיט דרך ארץ, פירן זיך מיט יראת שמים, נישט פארהאנקערען זיך מיט א מגיד שיעור, מיט קיין מנהל, מיט די הנהלה פון די ישיבה, סוף וועט זיין מ'וועט דיך ארויסווארפן פון די ישיבה. היינט ווארפט מען זיך מיט א בחור, און טאמער ער שטעלט זיך נישט צו, איז ער אינדרויסן פון די ישיבה. און ס'איז זייער ביטער אז מ'גייט ארויס פון א ישיבה. ער טרעפט נישט קיין פלאץ דא, מ'וועט אים נישט אננעמען אין קיין צווייטע ישיבה. אז דו ביסט אויף א פלאץ וואס דו געפינסט זיך גוט דארט, נוץ עס אויס, לערן, שטעל דיך צו, טו וואס מ'פארלאנגט פון דיר. זאלסט וויסן אז ווען דו פאלסט ארויס פון א ישיבה האסטו פאר'הרג'ט דיין גאנץ לעבן אויף לעולם ועד.

**יא** דו וועסט טרעפן חברים אויף דער גאס, און די חברים וועלן זאגן קום מ'וועט מאכן א לעבן אינדרויסן, דו וועסט זיין א פרייע פויגל, קום צוזאמען מיט מיר, איך בין אויך אינדרויסן פון די ישיבה. זיי רעדן נאר צו דיר אזוי. די בחורים זענען צעבראכן אויף שברי שברים, די בחורים האבן נישט קיין סיפוק אין זייער לעבן, זיי מאכן נאר דעם אנשטעל א פנים שוחקות צו ווייזן אז זיי זענען צופרידן. ס'איז נישט מעגליך צו זיין צופרידן אין די היינטיגע וועלט אינדרויסן, נאר א בחור וואס זיצט אין ביהמ"ד און ער לערנט. מ'זאל אויסנוצען די צייט וואס מ'געפינט זיך דא, און מען קען זיצן און דינען דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט דיר באצאלן. סוף כל סוף מ'קומט צו אזא זמן וואס מ'דארף אויפשטעלן א שטוב, מ'דארף טרעפן א געהעריגן זיווג, זיי טרעפן שפעטער נישט קיין שידוכים, זיי טרעפן שפעטער נישט וואס זיי זוכן אין זייער לעבן, זיי ווערן צעבראכן. א בחור וואס איז מצליח און ער לערנט, קען אמאל מיט א קליינגקייט זיך קאליע מאכן און ער ווערט ארויסגעווארפן פון א ישיבה, ער דארף עס זעהן מונע צו זיין מיט וואס ער קען, אויסנוצען די צייט און לערנען פלייסיג.

**אין** די טעג וואס איז ימי שמחה, טעג וואס מיר האבן מקבל געווען נאכאמאל די תורה, קימו וקבלו היהודים עליהם, קימו מה שקבלו כבר, מ'האט קודם מקבל געווען די תורה דורך כפה עליהם הר כגיגית, אין די טעג האבן מיר מקבל געווען די תורה מיט שמחה מיט א אהבה, ליהודים היתה אורה ושמחה, זאל דער אייבערשטער געבן מיר זאלן קענען ווייטער אויך מקבל זיין די תורה מיט א פרייליכקייט, מיט א לוסטיגקייט, וויסן אז די שענסטע וועג אין לעבן איז די דרכי התורה. וועט דער אייבערשטער משפיע זיין ס'וועט זיין פרנסה בהרחבה, מען זאל זעהן נחת ביי אונזערע קינדער, דער באשעפער זאל העלפן אז מ'זאל האבן בריאות השלימות, לקיים בנו חכמי ישראל הם ונשיהם ובניהם ובנותיהם, די חכמי ישראל זאלן האבן אריכות ימים ושנים דשנים ורעננים יהיו. וכבימי מור והדס הושעת את בניך, דער אייבערשטער האט דעמאלטס געהאלפן פאר אידישע קינדער, אזוי זאל דער אייבערשטער געבן היינט אויך, שעשה ניסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, און משפיע זיין ניסים פאר אונז אויך, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין א קעגן צוגיין משיח צדקינו בב"א.


**ההפצה נתנדב לעילוי נשמת**

הרה"ח מו"ה **חיים דוד** ב"ר **צבי** ע"ה – נלב"ע ט"ו כסלו תש"ע לפ"ק

אשת חיל עטרת בעלה מרת **מלכה** ב"ר **יחיאל** ע"ה – נלב"ע ט"ז אלול תשנ"ה לפ"ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**